ברסלב

קונטרס 300

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזּוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר

תשפ"ג

300

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִלְחָמָה, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין ........................................ א

אַ שְׁטִיקְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר .................. ב

אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיד שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיסְהֶערְן ............................ ז

וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, זֶעט וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ .......... ח

דִי הַדְלָקָה זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר ........................... ט

מֶען קֶען אֵייבִּיג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן ............................................................. י

דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן ........................................... יא

נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶוענְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים ................................. יב

נֶעם זִיךְ פָאר צוּ עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ ...... יב

זָאלְסְט יֶעדְן טָאג טוּן עֶפֶּעס פַאר הֲפָצָה ................................................... יג

מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין פְּרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן ........................................ יד

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַזֵק זַיין אֲפִילוּ אֵיין אִיד ............ יח

אַייעֶר שְׁטוּבּ וֶועט וֶוערְן אַ גַן עֵדֶן ............................................................ יט

דִי בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ג .............................................. כ

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִלְחָמָה, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, ט״ז אִיָּר, ל״א בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, ווַייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִלְחָמָה, זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין. אוּן אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן - דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אַ פַּאטְשׁ פַאר מִיר - אַ פַּאטְשׁ פַאר דִיר, דֶער עִיקָר אִיז וֶוער עֶס גֶעבְּט דִי לֶעצְטֶע פַּאטְשׁ.

זַיי שְׁטַארְק בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וִוי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין גוּט, אוּן דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג מִיט נֵייעֶ וֶועגְן וִוי אַזוֹי אַרָאפְּצוּוַוארְפְן, אוּן בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים.

זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תִּקּוּנֵי זוֹהַר, דִי צְוֵויי לִימוּדִים וַואשְׁן אָפּ אוּן רֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין מִירוֹן, אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר פַאר זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא.

...

## אַ שְׁטִיקְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אַ טָאג וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן - קֶענֶען אוֹיךְ פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דָארְט וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטִיקְל אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, ״לְכוּ חֲזוּ״, אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַלֶעס גוּטְס.

תּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ:

**לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה׳, הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זַ״ל,** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הִבְטִיחַ** רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט צוּגֶעזָאגְט, **שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ** אַז דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קלח:): **׳כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה׳** וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יַבְנֶה, **׳אָמְרוּ׳** הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: **׳עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל׳** עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי דִי אִידְן; דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס וֶועט זַיין אִין גָלוּת פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, בִּיז דִי תּוֹרָה וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אוּנְז; דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, **׳וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי׳** הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: **׳שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח׳** דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, **׳שֶׁנֶּאֱמַר׳** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים לא, כא): **׳כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ׳**; דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט

נְבִיאוּת גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף פוּן דִי גָלוּת, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט: 'וְהָיָה כִּי תִמְצֶאןָ אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת' - עֶס וֶועט זַיין וֶוען עֶס וֶועט אָנְטְרֶעפְן דִי אִידְן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, 'וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ' - זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶס וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידְן דִי תּוֹרָה, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מְגַלֶּה זַיין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַדִּיקִים פוּן דֶעם דוֹר, וָואס וֶועלְן עֶרְקְלֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי, (דָאס הֵייסְט דֶער סֵפֶר הַזּוֹהַר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן) אוּן וֶוער עֶס וֶועט זֵיי לֶערְנֶען - וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין גָלוּת, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר נָשֹׂא דַּף קכד:): 'בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא' מִיטְן סֵפֶר הַזּוֹהַר וֶועלְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת.

**וְעַתָּה** יֶעצְט, **בּוֹא וּרְאֵה** קוּם אוּן זֶע, **וְהָבֵן** אוּן פַארְשְׁטֵיי, **נִפְלָאוֹת נִסְתָּרוֹת** דִי וואוּנְדֶער פוּן דִי סוֹדוֹת - **שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה** וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה, **'כִּי עַל כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאֲיָ' אַז דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', **כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל** וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער סוֹד אַז דוּרְךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט זַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה, **'כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ' הֵם אוֹתִיּוֹת יוֹחַאי** וַוייל דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', אִיז דִי אוֹתִיּוֹת י ו ח א י, **וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק** דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, **'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', 'מִפִּי זַרְעוֹ' דַּיְקָא** דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחַאי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, **הַיְנוּ 'מִפִּי זַרְעוֹ' שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק, שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחַאי, כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחַאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי 'בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא' כַּנַּ"ל**

דוּרְךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי וָואס הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ ׳כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא׳, אַז מִיטְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - דוּרְךְ אִים וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וָואגְן מִיטְן רֶבִּי׳ן פָארְנְדִיג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶער זַאךְ, זָאגְט רֶבִּי נָתָן פַארְן רֶבִּי׳ן: ״רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט זִיכֶער הֲנָאָה פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער״, זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״יָא, זִיכֶער״, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט ווַייטֶער:

וְדַע שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר דֶער סוֹד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַלֵיינְס אִיז מְרוּמָז אִין אַ צְוֵוייטֶע פָּסוּק, כִּי דַע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בְּחִינַת (דָּנִיֵּאל ד, י): ׳עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית׳, רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁמְעוֹן וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע לִיכְט וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹ״ן.

אִין דִי כְּתַב יַד אִיז צוּגֶעלֵייגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא, גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם אָבֶּער הַיינְט אִיז דָא אַ נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה, וָואס אֲפִילוּ דֶער עִ׳יר וְ׳קַדִּישׁ מִ׳ן שְׁ׳מַיָּא - דַארְף אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין פוּן דָארְט.

אַבִּיסְל פָּאר אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גָלוּת; דָאס פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער גָלוּת. וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר זֶעט מֶען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל; ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹות. מִיטְן לֶערְנֶען זוֹהַר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אִינֶעם גְרֶעסְטְן טוּנְקְלְקֵייט - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אָבֶּער דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז פָּשׁוּטֶ׳ע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶעם נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה; אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת מִיטְן זוֹהַר, מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב׳, סִימָן מז:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה - וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ".

וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבֵּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.

פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ דִיר, מֶענְטְשְׁן ווִילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵוייסְט דֶעם מַצָּב הַדּוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ ווִיל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי אִיךְ הָאלְט אִין אֵיין פּוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּ׳, אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְרֶעכְטְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואו קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֵויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם

אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וִוי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים, אוּן קוּקְט וָואס גֵייט פָּאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּכְלָלִיוּת וּבִפְּרָטִיוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִלְגוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִלְגוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶועןֹ; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַּארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זַיין הַארְץ, אַ וִוילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֱמֶתְ׳עֶ צַדִיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער. אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֶערֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי

**זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְעֶכְטְן אַלֶעס, אָמֵן״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיסְהֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָיר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיפִיל אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן - זָאג אִיךְ דִיר נִישְׁט גֶענוּג. ווִיסְן זָאלְסְטוּ, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אַז זִי אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, זִי הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: ״שׁוֹין וַוייטֶער וֵויינְסְטוּ...?!״ ״יֶעצְט גֵייסְטוּ וֵויינֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט...?״ הָאבּ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵיי אַז וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט - ווִיל זִי אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אִיר שְׁטַארְקְן, אִיר אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פוּן מִירוֹן עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר, אִינְמִיטְן דִי הֲכָנוֹת פַאר לַ״ג בָּעֹמֶר. אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר, נָאר אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת - קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, קֶען מֶען זַיין רֵיין. עֶס אִיז כְּדַאי אַלֶעס צוּ מְוַתֵּר זַיין - אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ.

לְכָבוֹד לַ״ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אוּן אִיר חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן וֵויינֶען.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵל פַאר דִיר.

...

## וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, זֶעט ווִי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת; וואו מֶען גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען מֶען פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אָנְצִינְדְן דִי הַדְלָקָה לִכְבוֹד הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי; דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ גֵיין צוּ אַן הַדְלָקָה זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן גְרוֹיסְן טָאג.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזוֹהַר. וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר, עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - הוֹיבְּט אָן זֶען דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אוּן ווִי חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אִין הִימְל, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה. אוֹיךְ פַאר דַיין זוּן זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ סֵפֶר תִּיקוּנִים אוּן אִים מַרְגִּיל זַיין אִין זָאגְן תִּיקוּנִים.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן ע׳ אַפָּאר שָׁעָה מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיבְן אִין דִי מַעֲרָה בַּיי רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן. אוֹיךְ מַיין זוּן דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר נַחְמָן נָתָן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנִים.

...

**די הַדְלָקָה זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען און פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יום ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן**

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע ...**

די הַדְלָקָה בְּרֶענְט און פְלַאקֶערְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן די שִׂמְחָה דָא אִין מִירוֹן. מֶען דַארְף אָבֶּער זֶען אַז די פֵייעֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, עֶס זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען און פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי לֶערְנְט אוּנְז; בְּעִיקָר די ווַייבֶּער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל און זִיךְ אָפְּשֶׁערְן די הָאר, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, וָואס שֶׁערְן זִיךְ די הָאר נָאךְ די חֲתוּנָה; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן רוּעֶן די שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, מֶען פַארְטְרַייבְּט די נִישְׁט גוּטֶע, מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דֶעם, אַז די שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע, רֵיינֶע, עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ. מֶען מוּז גִיסְן תְּפִילוֹת; די פְרוֹי בַּיי די לִיכְט וֶוען זִי צִינְדְט די שַׁבָּת לֶעכְט, און דֶער מַאן בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן.

מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין די וֶועג פוּן די הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, טֶעכְטֶער און שְׁנִירְן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן און צוּדֶעקְן די קָאפּ אַזוֹי ווִי די צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט". אַזוֹי וֶועט די הַדְלָקָה בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר, די שִׂמְחָה וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער.

...

## מֶען קֶען אֵייבִּיג אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, ל"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין מִירוֹן, דִי שִׂמְחָה דָא אִיז עַד אֵין לְשַׁעֵר. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט כַּמָּה חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - תִּיקוּנִים, פוּן דִי צְוֵוייטֶע הַקְדָמָה בִּיז תִּיקוּן טו. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן יד ווי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן תְּשׁוּבָה. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַלֵיינְס זֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה (דַּף ל:): "וְעִם כָּל דָּא, אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא", מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, "עֲלֵיהּ אִתְּמַר", אִיז אוֹיף אִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ו, י): "וָשָׁב וְרָפָא לוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַלֶעס, "וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ", עֶר בַּאקוּמְט זַיין שִׁידוּךְ, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שָׁלוֹם בַּיִת.

אַפָּאר שׁוּרוֹת פְרִיעֶר רֶעדְט מֶען אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף נַשְׁגַ"ז - דַאן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "עַל הַכֹּל מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אוּן אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, אוּן וַוייזְן אוּנְז דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין, מִיר זָאלְן קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

...

## דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוער עֶס הָאט נָאר אֵיין מָאל טוֹעֵם גֶעוֶועְן דָאס זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן - דֶער קֶען נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, דֶער קוּמְט שׁוֹין צוּרִיק אַלֶע יָארְן. מֶען שְׁפִּירְט אַזַא שִׂמְחָה; מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחָה זוֹ, לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו, עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דֶער גַאנְצֶער בַּארְג בְּרֶענְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְדוּשָּׁה; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי דִי הִלּוּלָא קַדִּישָׁא.

אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אִין מִירוֹן קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא אֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ - לֶעבְּן מִיט דִי סוֹדוֹת וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז מְגַלֶּה; דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד און דָאס גְרוֹיסְקֵייט און טֵייעֶרְקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מַאכְן פַּאר מַיין עֶלְצְטֶע אֵיינִיקְל חַאלַאקֶע, הַיֶּלֶד נַחְמָן נָתָן בֶּן הָרַב שְׁלֹמֹה. דָא אִין מִירוֹן אִיז דֶער מִנְהָג, דִי וָואס מַאכְן חַאלַאקֶע אוּם לַ״ג בָּעֹמֶר - גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אִין בִּגְדֵי שַׁבָּת, סֵיי דֶער טַאטֶע אוּן סֵיי דִי זֵיידֶעס.

גֵיי אִין מִקְוֶה אֵיידֶער דוּ לֶערְנְסְט זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. זָאג דִי וֶוערְטֶער אָן פַּארְשְׁטֵיין, דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אַלֵיינְס אִיז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ.

...

**נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועזְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי נֶערְוֶועזְן וָואס קוּמְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, ווִי לְמָשָׁל לַ"ג בָּעֹמֶר, פּוּרִים וְכַדּוֹמֶה, פוּן "אוֹיסְנוּצְן דִי טָאג". פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִּרִישְׁן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר דָאס נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועזְדִיג אוּן עַצְבוּת'דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים, פוּן זִיךְ שְׁלָאגְן אִין קָאפּ מִיט מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעדַאוֶונְט?' וְכַדּוֹמֶה לָזֶה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אִין מִירוֹן וַוייל אִיךְ זֶע ווִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן גֶענוּג. מֶענְטְשְׁן הֶערְן אַ וָוארְט, ווִי לְמָשָׁל 'וֵויינֶען אִין דִי מַעֲרָה, טַאנְצְן אִין חָצֵר', 'אִינֶעוֵוייגִיג אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אִינְדְרוֹיסְן אִיז שִׂמְחַת תּוֹרָה'; אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְּרֵייעָן אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן - וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֵוויינְט אוּן גֶענוּג גֶע'שִׂמְחַת תּוֹרָה'עֶט.

דִי שִׂמְחָה דָא אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, אוּן אַז מֶען הָאט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גָאר גוּט, מֶען קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילּוֹת מִיט דִי לִיפְּן ווִי מֶען אִיז, וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ.

...

**נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן; דָא אִיז

די שִׂמְחָה בִּיזְן הִימְל, מֶען שְׁפִּירְט דָא זַאכְן וָואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם טָאג לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ עֶסְן די דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער – זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ וַואשְׁן צוּ דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. וַוייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט מַמָשׁ אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן (אִדְּרָא זוּטָא, רפח:): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא", אִיךְ זָאג עֵדוּת פַאר די אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָא מִיט מִיר אִינֶעם אִדְּרָא, "דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵל גֶעוֶוען די דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "דְּמַאן דְּזָכֵי בְּהוּ", וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "זָכֵי לִמְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימָתָא", אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה; מִיר זֶעעֶן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן מִיט דֶער זַאךְ, וַוייל עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

נֶעם זִיךְ פָּאר (וָואס מֵיינְט 'נֶעם זִיךְ פָּאר'? בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן) דוּ זָאלְסְט עֶסְן יֶעדֶע שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת אוּן מַאכְן די סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער – וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ פָּאר אַהֵיים מָארְגְן; אִיךְ הָאף דוּ בֶּענְקְסְט זִיךְ וַוייל ווִי לַאנְג מֶען בֶּענְקְט זִיךְ – אִיז גָאר גוּט.

...

## זָאלְסְט יֶעדְן טָאג טוּן עֶפֶּעס פַאר הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ט אִיָּר, ל"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

גֵיי הֲפָצָה, רוּ נִישְׁט, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע. בְּעִיקָר אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס טַאפְּן אַ וַואנְט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֶען ווִיל פוּן זֵיי.

גֶעבּ זֵיי פוּן רֶבִּינְ'ס עֶסְן, גֶעבּ זֵיי צוּ טוֹעֵם זַיין פוּן רֶבִּינְ'ס תּוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע חִיזוּק, אַזֶעלְכֶע שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, סֵיי דָּרֵי

מַעֲלָה און סֵיי דְּרֵי מַטָּה, פַאר דִי וָואס זֶענֶען אוֹיבְן וַוייזְט עֶר ׳נָאךְ דָא אַסַאךְ הֶעכֶער׳, און פַאר דִי וָואס זֶענֶען אוּנְטְן וַוייזְט עֶר ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר און נֶעבְּן דִיר; דַארְפְסְט נָאר אוֹיפְמַאכְן דִי מוֹיל, רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט יֶעדְן טָאג טוּן פַאר הֲפָצָה, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן טוּן פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. לַאךְ זִיךְ אוֹיס פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן און לַאכְן, נֶעם דָאס אָן פַאר תְּשׁוּבָה, פַאר אַ תִּיקוּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו): ״וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק״.

קוּק גוּט, וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - דֶער אִיז פְרִישׁ, פִיל מִיט חַיוּת, דִי זֶענֶען פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, און דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, מִיט דִי צַייט שְׁלָאפְן זֵיי אַיין, בִּיז זֵיי וֶוערְן שׁוֹין נֶערְוֶועז פוּן דִי וָואס רֶעדְן פוּן הֲפָצָה, פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָאר אִיךְ הַיינְט נַאכְט אַהֵיים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

### מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ״א אִיָּר, ל״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ טְרֶעפְן נָאכְאַמָאל מִיט אַייךְ און זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ וִויל אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי אַלֶע חֲבֵרִים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאגְרוּסְט, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוַוארְט אִין יְרוּשָׁלַיִם נָאכְן שִׁיעוּר צוּ קֶענֶען גֶעבְּן שָׁלוֹם; וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן נָאךְ אֵיינֶעם שָׁלוֹם - וָואלְט אִיךְ פַארְפַאסְט דִי פְּלִיגֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דִי פְלִיגֶער פָארְט אַהֵיים אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיךְ הָאבּ

אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אָנְצוּקוּמֶען אִין צַייט, לְמַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין לוּפְט פֶעלְד וַוייזְט מֶען מִיר: "פַארְמַאכְט!" זֵיי זָאגְן אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, דִי פְלִיגֶער פָארְט שׁוֹין צְוֶועלְף דְרַייסִיג. מִיר זֶענֶען שִׁיעוּר גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל דֶערְמַאנְט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מֶען זָאל אוּנְז עֶפֶענֶען אוּן מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען בְּשָׁלוֹם", אוּן נִיסִים אִיז גֶעשֶׁען, מֶען הָאט אוּנְז גֶענוּמֶען אוּן דוּרְכְגֶעפִירְט אַלֶע וַוארְטֶעס.

אִיךְ וִויל אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי גַבָּאִים, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין וֵויי גֶעטוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אִין שׁוּל; אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו אַז עֶס טוּט וֵויי פַארְוָואס אִיךְ גֵיי נָאר אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי. וִויסְן זָאלְט אִיר, מַיין פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע שׁוּלְ'ן; צְפַת, בֵּית שֶׁמֶשׁ, יַבְנְאֵל, בְּרַאכְפֶעלְד אוּן אֶלְעַד, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין מַיין שְׁוֶוער אוּן מַיין טַאטֶע, בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן אִין מִירוֹן מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ קוּמֶען.

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קוּמֶען - צִי וֶועל אִיךְ אַייךְ נָאךְ טְרֶעפְן; וַוייל מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ זַיין פְרִישׁ בַּיים רֶבִּי'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט ווִי אַמָאל, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעפְרֶעגְט, זָאגְט מִיר דֶעם אֱמֶת, אִיר הֶערְט נָאךְ דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט אִין יְשִׁיבָה? זָאגְן זֵיי, נֵיין, הַיינְט דַארְפְן זֵיי דָאס שׁוֹין נִישְׁט, הַיינְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין בַּיי מוֹחִין דְגַדְלוּת. הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן פְרִישׁ מְקוֹרָב בַּיים רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ אַייךְ, אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ אַלֶע טְרֶעפְן. גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן צְווִישְׁן לֵיצִים. גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב נֵייטְרַאל, דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת, דִי וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט; וַוייל נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט. מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען, מֶען הֶערְט אוֹיף דַאוְוענֶען, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע גַבָּאִים, דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען פָאר אִין

אוּנְזֶערֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ; לֶערְנְט פָּשׁוּט׳עֶ װֶערְטֶער, לֶערְנְט נִישְׁט קַיין טִיפֶע תּוֹרוֹת אוּן מְשָׁלִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט כֹּחַ פַאר דִי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט מְשָׁלִים, מִיטְן נִמְשָׁל װָאס שְׁטִימְט זֵייעֶר שֵׁיין מִיטְן מָשָׁל, אָבֶער מִיטְן מֶענְטְשׁ שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כח) אוֹיף דִי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן: ״׳הַמְּעַט מִכֶּם הַלְאוֹת אֲנָשִׁים כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים׳, כִּי מְיַגְּעִים אֲנָשִׁים שֶׁבָּאִים לִשְׁמֹעַ דְּרוּשָׁם וְתוֹרָתָם, וַאֲנָשִׁים חוֹשְׁבִים שֶׁיָּבוֹאוּ לְאֵיזֶהוּ תּוֹעֶלֶת עַל יָדָם, הַיְנוּ שֶׁיָּבוֹאוּ לָדַעַת אֶת ה׳ אֵיךְ לַעֲבֹד, וְהֵם הָאֲנָשִׁים אֵין מַשִּׂיגִים שׁוּם תּוֹעֶלֶת, כִּי תּוֹרָתָם שֶׁל אֵלּוּ הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֵין לָהּ כֹּחַ לְהַדְרִיךְ אֶת הָאָדָם בְּדֶרֶךְ הַטּוֹב כִּי מִבִּישָׁא לָא הֲוֵי טָבָא, וְלֹא עוֹד, כִּי תַלְאוּ גַּם אֱלֹקִים כִּבְיָכוֹל לוֹאֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִלַּעֲזֹר לָעוֹבְדִים אוֹתוֹ, נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵלּוּ בְּנֵי אָדָם נוֹפְלִים בִּכְפִירוֹת גְּדוֹלוֹת וְחוֹשְׁבִים, חַס וְשָׁלוֹם, ׳לֹא יִרְאֶה וְלֹא יָבִין אֱלֹקִים בְּמַעֲשֵׂה בְּנֵי אָדָם׳ עַל יְדֵי זֶה ׳אֶת יִרְאֵי ה׳ לֹא יְכַבְּדוּ׳״.

וָואס יָא? רֶעדְט פוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער. רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי וַוייבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ. פַארְוָואס פַאר חֲבֵרִים הָאט מֶען כֹּחַ זֵיי צוּ טוּן טוֹבוֹת אוּן וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט זִיךְ פַאר אַ טוֹבָה דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס? אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס טוּעֶן שׁוֹין יָא - טוּעֶן דָאס מִיט אַ גַאנְצֶע טוֹבָה, פַארְוָואס? פַארְוָואס אִיז דִי וַוייבּ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט?! נָאר אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען קוּקְט אוֹיף אִיר וִוי זִי אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען עֶרְוַוארְט גָארְנִישְׁט פוּן אִיר - דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ בֶּעט דִי גַבָּאִים וָואס לֶערְנֶען פָאר, לֶערְנְט פָאר בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; חִיזוּק אוֹיף אֱמוּנָה, חִיזוּק אוֹיף דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, חִיזוּק אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, װֶערְט נִישְׁט אַלְט אוּן װֶערְט נִישְׁט מִיד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): ״צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה׳״, װֶער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר פַאלְט צִי נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין

אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַעַת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וִויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין ווילְן; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן דָאךְ גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, זַייט שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, גֶעבְּט נִישְׁט נָאךְ, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט - הוֹיבְּט מֶען אָן פַאלְן, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן - הוֹיבְּט מֶען אָן הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדוּשָּׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִיד אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"**; דָאס קֶען אֲפִילוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן עֶנְק זָאל עֶפֶּעס טוּן פַאר הֲפָצָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מְען קֶען זיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַזֵק זַיין אֲפִילוּ אֵיין אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ״א אִיָּר, ל״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב פַאר דִי שִׂמְחָה פוּן דִי בַּר מִצְוָה פוּן דַיין זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן זֶען אַסַאךְ נַחַת אִינְאֵיינֶעם, פוּן אִים אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער אִיבֶּער טַייטְשְׁן דִי חִיזוּק יוֹמִי אוֹיף עֶנְגְלִישׁ. דָאס אִיז מְחַיֶ׳ אֲזוֹיפִיל אִידְן; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְחַזֵק זַיין אַ אִיד, כָּל שֶׁכֵּן צְוֵויי דְרֵיי, וֶוער רֶעדְט פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וָואס וֶוערְן מְחוּזָק פוּן דִי חִיזוּק יוֹמִי אוֹיף עֶנְגְלִישׁ.

אִיךְ וֵוייס דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף דִיר, וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס אִיז מְחַזֵק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי דִי מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוֶוען אִיז אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכַל זְלָאטְשׁוֹבֶער, אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?״ הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְרוּבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ גֶעעֶנְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים

לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעשְׁ׳ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט״, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״צוּלִיב זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ׳״, הָאט רַשִׁ״י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרוּבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק״, הָאט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״הַיְינוּ דְּאַהֲנִי לֵיהּ, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶס רַעשְׁ׳ט זִיךְ פוּן אִים״.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

אַייעֶר שְׁטוּב וֶועט וֶוערְן אַ גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ״א אִיָּר, ל״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט מִיר אַזוֹי דֶערְפְרֵיידְט, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר טוּט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ הַאלְטְן אַייעֶר שְׁטוּב, אִיר זֶענְט שְׁטַארְק מִיט נִישְׁט לָאזְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם צֶעבְּרֶעכְן אַייעֶר שְׁטוּב, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן טוּט דִי זַאכְן צוּ טְשֶׁעפֶּען - מַאכְט אִיר זִיךְ וִוי אִיר כַאפְּט נִישְׁט, אִיר שְׁמֵייכְלְט וַוייטֶער אוּן אִיר נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן.

אַז אִיר וֶועט זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי פִירְן, אִיר וֶועט זַיין דִי קְלוּגֶע אוּן אִים לָאזְן זַיין דֶער גֶערֶעכְטֶער - וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶס וֶועט זַיין נִיסִים בַּיי אַייךְ, אַייעֶר שְׁטוּב וֶועט וֶוערְן אַ גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ״ג בָּעוֹמֶר תשפ״ג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּיר, ל״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט הוֹיבְּן מִיר אָן אַ נֵייעֶם סֵפֶר פוּן חוּמָשׁ, סֵפֶר בַּמִּדְבָּר. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע חֲבֵרִים. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בְּעִיקָר אִין מִירוֹן, אוֹיךְ אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִין טְבֶרְיָה בַּיי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד אוּן אִין צְפַת בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; דֶער אֲרִיזַ״ל, בֵּית יוֹסֵף אוּן נָאךְ.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם בַּאזוּכְן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אוּנְזֶער חֵדֶר אוּן אוֹיךְ בֵּית פֵּיגָא, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק הֲנָאָה צוּ זֶען וִוי דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְלַאנְצְן אַ פְרִישֶׁער דוֹר. עֶס דֶערְמַאנְט מִיךְ, נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פְלַאנְצְן קֶערֶעלֶעךְ אוּן עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער; דִי קִינְדֶער, סַיי אִינְגֶלֶעךְ אוּן סַיי מֵיידְלֶעךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעפְלַאנְצְט - זֶענֶען שׁוֹין הַיינְט מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס, זֵיי גֶעבְּן שׁוֹין אִיבֶּער וַוייטֶער דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען דִי קְלֵיינֶע חֵדֶר, דִי קְלֵיינֶע שׁוּלֶע, מִיט אַזוֹיפִיל לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

אִיךְ בִּין שִׁיעוּר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מַיין פְלִיגֶער פָארְט אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט, לְמַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין לוּפְט פֶעלְד, זָאגְן זֵיי מִיר, אַז עֶס פָארְט צְוֶועלְף דְרַייסִיג, מֶען הָאט אוּנְז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיף לָאזְן. אָבֶער תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאכְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען אִין צַייט.

## טְבֶרְיָה

אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיטְוָואךְ נַאכְט פַּרְשַׁת אֱמוֹר אִין טְבֶרְיָה, אִין אוּנְזֶער שׁוּל. אִיךְ בִּין אַהִין גֶעפָארְן גְלַייךְ פוּן עֶירְפָּארְט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר שׁוּלְדִיג אַ בַּאזוּךְ. פָאריגֶע מָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף מִיר וֶוען מֶען הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין עֶירְפָּארְט וְכוּ׳, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס מָאל הָאט מֶען מִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען פַיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; מִיטְן מְלַמֵּד אוּן גַבְּאַי יוֹסְל נֵרוֹ יָאִיר, אוֹיךְ דֶער גַבְּאַי שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר. נָאךְ מַעֲרִיב זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אַ טֶענְצְל אַזוֹי וִוי דֶער מִנְהָג פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען דַאוֶונְט, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען נָאךְ אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט מֶען אַרוֹיס אִין אַ טֶענְצְל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיא) וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן קֶבֶר צוּ דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִלָּה, אוֹי וִוי שֵׁיין וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶונְט, אוּן אַז מִיר זֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט טוֹיט, אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט לֶעבֶּעדִיג, אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אַ תְּפִלָּה - גֵייעֶן מִיר אַ טֶענְצְל.

מֶען הָאט מִיר גֶעוִויזְן וִוי מֶען קֶען זֶען פוּן אוּנְזֶער שׁוּל - יַבְנְאֵל, מֶען קֶען זֶען דֶעם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ מַמָּשׁ וִוי מִיר זֶענֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שְׁטוּב, בִּפְרַט מִיט דִי עֵצוֹת, מִיט דִי חִיזוּק - פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר אִין טְבֶרְיָה, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם אִין שׁוּל, מֶען הָאט גֶערֶעדְט וִוי אַזוֹי דִי שׁוּל זָאל זִיךְ פִירְן, שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת פַאר גַבָּאִים, אוּן שֵׁיינֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שׁוּל, פִירְן אַ חֵדֶר.

## מִירוֹן

מִיר זֶענֶען פוּן דָארְט גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן; אִיךְ, מַיין וַוייבּ מִיט מַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער. מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֵייסְט נָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן. וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִים גֶעבְּן ׳שִׁמְעוֹן׳, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אִים.

און מַיין זון דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר נַחְמָן נָתָן. אוֹיךְ מַיין זון הָרַב שְׁלֹמֹה מִיט זַיין ווַייבּ זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען מִיט זֵייעֶר זון נַחְמָן נָתָן; בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה רוּפְט מֶען אִים 'נַחְמָן נָתָן שְׁטֶעטְל' מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַּארְמִישְׁן מִיט אוּנְזֶער נַחְמָן נָתָן. זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַאכְן אַן אָפְּשֶׁערְן פַאר זֵייעֶר קִינְד נַחְמָן נָתָן אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי.

מִירוֹן וֶוערְט פַארְמַאכְט אַפָּאר טֶעג פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַריינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצְיֶע, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן אוּנְז אַן עֶפֶענוּנְג, אַ וֶועג אַריין אִין מִירוֹן". פְּלוּצְלוּנְג זֶע אִיךְ אַן עֶפֶענוּנְג, אִיךְ זָאג דֶעם דְרַייוֶוער: "פָאר דָא אַריין"; אִיךְ קֶען זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיס אִין מִירוֹן פוּן אַלְס בָּחוּר, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין מִירוֹן הִינְטְן פוּנֶעם בַּארְג, אַנְטְקֶעגְן מַיין זֵיידֶע'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע און בֶּעסְטֶע. דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוֹיבְן אִין דִי מְעָרָה, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּ מַיין זֵיידֶע'ס צִיּוּן, מַיין זֵיידֶע לִיגְט אוֹיפְן בַּארְג, הֶעכֶער דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר; אִיךְ פְלֶעג אַלֶע יָארְן גֵיין מִיט אִים מִתְפַּלֵל זַיין דָארְט בַּיי זַיין חֶלְקָה, עֶר פְלֶעגְט גֵיין עֶרֶב שַׁבָּת מִתְפַּלֵל זַיין, זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - בַּיי זַיין חֶלְקָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט. עֶר פְלֶעגְט מִיר זָאגְן, עֶר הָאט הֲנָאָה אַז עֶר וֶועט קֶענֶען לִיגְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מָקוֹם, סָמוּךְ וְנִרְאֶה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

### בַּר מִצְוָה

דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִי בַּר מִצְוָה פוּן מַיין זון נַחְמָן נָתָן אִינֶעם חָצֵר פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. מַיין שְׁוֶוער הָרַב מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן, עֶר אִיז אָבֶּער גֶעפָארְן מִיט אַן אַנְדֶערֶע פְלִיגֶער, עֶר אִיז מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ פָארְן מִיט דִי קָאמְפֶּענִי אֶל-עַל.

אִיךְ דַאנְק אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט דִי נְסִיעָה, און אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן מַאכְן בַּאקְוֶועם פַאר מַיין שְׁוֶוער; מִיט דִי דִירָה אִין יְרוּשָׁלַיִם און מִיט דִי טְרָאגְן און בְּרֶענְגֶען. פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן און מַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּיי דִי שִׂמְחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

מַיין פֶּעטֶער ר׳ בֶּערִישׁ פְרִידְמַאן פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן, דֶער בֶּן יָחִיד פוּן מַיין שְׁוֶוערְ׳ס שְׁוֶוער, הָרַב רֶבִּי יִצְחָק דָוִד פְרִידְמַאן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה, אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אַפָּאר וֶוערְטֶער בַּיי דִי בַּר מִצְוָה פוּן דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן וִויסְן דִי הַקְדָמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, צוּ זַיין אַ אִיד סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן און סַיי וֶוען מֶען אִיז אוּנְטְן. זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא און בָּקִי בְּשׁוֹב (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ו), און דָאס אִיז וָואס רַשִׁ"י זָאגְט (וַיִקְרָא כא, א): "אֱמוֹר, וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים", מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אָנְגְרֵייטְן, סַיי דִי גוּטֶע טֶעג וֶוען מֶען אִיז בַּיי ׳מוֹחִין דְגַדְלוּת׳, און סַיי וֶוען מֶען אִיז אִין ׳מוֹחִין דְקַטְנוּת׳, מֶען אִיז פַארְלָאשְׁן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט, מֶען טוּט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז וָואס רַשִׁ"י זָאגְט: "לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים".

דָאס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ וִויסְן אִין לֶעבְּן; וַוייל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט און מֶען פְלַאמְט - דָאס קֶען יֶעדֶער, דֶער קוּנְץ אִיז - מֶען זָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט, און וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט און גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק און צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר נָאכְנִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ און הֵייבְּט

זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאמָאלְט וֶועל אִיךְ הַנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן. ווייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיב מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

עֶס אִיז גֶעוֶוען מַצָּה בַּיי דִי בַּר מִצְוָה צוּלִיב פֶּסַח שֵׁנִי. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, אַז וֶוען אַ אִיד פְרֶעגְט (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "לָמָּה נִגָּרַע" פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? "לְבִלְתִּי הַקְרִיב אֶת קָרְבַּן ה'", וֶוען אַ אִיד בֶּענְקְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין גוּט - בַּאקוּמְט עֶר אַ פֶּסַח שֵׁנִי, עֶר אִיז זוֹכֶה מֶען עֶפְנְט אִים אַ וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט זַיין פְּשֶׁעטְל, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעזִינְגֶען, מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע בַּר מִצְוָה.

אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע בְּגָדִים, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ יֶעדְן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מָה אָשִׁיב לַה' כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

## הַנָּחַת תְּפִילִין

פְרַייטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין בַּיי דִי מַעֲרָה. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעטוּן תְּפִילִין פַארְן בַּר מִצְוָה בָּחוּר. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעקוֹיפְט צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, מֶען זָאל אָנְטוּן בֵּיידֶע תְּפִילִין, רַשִׁ"י וְרַבֵּנוּ תָּם.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מַיין שְׁוָואגֶער - דֶעם סוֹפֵר - אַ בְּרוּדֶער פוּן מַיין וַוייבּ, הָרַב יוֹאֵל צְבִי מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א - זָאל מִיר בַּאשְׁטֶעלְן דִי בֶּעסְטֶע בָּתִּים, דִי

טֵייעֶרְסְטֶע תְּפִילִין; בַּיי מִיר אִיז דָאס דֶער עִיקָר פוּן דִי בַּר מִצְוָה. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעקוֹיפְט אַ רֶעקָל מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, אַ הוּט הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט גֶעקוֹיפְט, עֶר גֵייט מִיטְן הוּט פוּן אַלְס קִינְד; אַ שָׁאד אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר צַייטְוֵויילִיגֶע זַאכְן. אוֹיךְ גֶעבְּן מִיר נִישְׁט אוֹיס פַאר דִי סְעוּדָה, מִיר מַאכְן דָאס פָּשׁוּט. דָא אִין מִירוֹן הָאט עֶס אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט; חַלָּה, גֶעפִילְטֶע פִישׁ אוּן טְשָׁאלְנְט, אוֹיךְ בַּיי מַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע זִין הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט פָּשׁוּט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן זִיךְ מְשׁוּגָע, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס גֶעלְט פַאר שִׂמְחוֹת. יֶעצְט אִיז גֶעוֶוען אִין דִי נַייעֶס, אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט אַן אָפְּשֶׁערְן פַאר זַיין דְרֵיי יֶערִיג קִינְד פַאר צְוֵויי מִילְיָאן דָאלֶער, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דִי צָרָה אִיז אַז דִי רֶבִּי'ס - זֵיי זֶענֶען מְשׁוּחָד פַאר דִי גֶעלְט, אוּן אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְוַוארְפְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר קְהִילָה, גֶעבְּן זֵיי נָאךְ כָּבוֹד פַאר דִי עֲשִׁירִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶער חוּרְבָּן אַז אַלֶע מַאכְן דָאס נָאךְ אוּן מֶען וֶוערְט גֶע'הַרְגֶ'עט פוּן דִי חוֹבוֹת.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי מוֹהֲרָא"שׁ - מַאכְן שִׂמְחוֹת פָּשׁוּט, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיס קַיין גֶעלְט פַאר כָּבוֹד הַמְּדֻמֶּה, אֲפִילוּ חֲתוּנוֹת מַאכְן מִיר אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס. יֶעצְט נָאךְ שָׁבוּעוֹת וֶועט זַיין נָאךְ צְוֵויי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה פַאר אוּמְזִיסְט.

אוֹיךְ מַאכְן מִיר נִישְׁט קַיין שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין זַאלְן, קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם; מֶען מַאכְט דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין שְׁטוּבּ מִיט אַלֶע טַעֲמִים. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מִצְוֹת, צוּ תְּפִילִין, מְזוּזוֹת וְכַדּוֹמֶה - דָארְט קוֹיפְט מֶען דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע.

### קִבְרֵי צַדִּיקִים

נָאךְ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א קַיין טְבֶרְיָה צוּם אַלְטְן בֵּית הַחַיִּים, צוּ דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא, תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד, רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי נַחְמָן הָארָאדֶענְקֶער - דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיט נָאךְ הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל אוּן הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זֵיי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְּׁפִּיטִיוְקָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מְטְשֶׁערְנִי-אוֹסְטְרָהָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. זֵיי הָאבְן דֶערְצֵיילְט פַּארְן רֶבִּי'ן אַז פַּאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְמָאלְן אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְן גֶעמֵיינְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶפֶּעס אַ וֶועלְט אוֹיבְן אִין הִימְל, וַוייל אַלֶע סְפָרִים רֶעדְן פוּן אִיר גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס פַּארְצֵיילְט גָאר פוּן אִיר הֵיילִיגְקֵייט וְכוּ'; בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעזֶען אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ פְּלַאץ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק אִינֶעם חִיצוֹנִיּוּת צְווִישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, נָאר דֶער פְּנִימִיּוּת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גָאר הֵיילִיג אוּן גָאר הוֹיךְ.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם עִנְיָן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען אָנְזֶען אַ חִילּוּק צְווִישְׁן אַ צַדִּיק אוּן סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן - אוֹיפְן פָּנִים אָדֶער אוֹיפְן אוֹיסְקוּק פוּן דִי זַאךְ; מֶען מֵיינְט אַז דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַנְדֶערְשׁ פוּן סְתַּם מֶענְטְשְׁן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן גֶענוֹי וִוי אַ צְוֵוייטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילּוּק - "וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט דִי זֶעלְבֶּע קִישְׁקֶעס וִוי אַ צְוֵוייטְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִי אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, עֶס אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע הִימְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל, דַּף רט); מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשׁ קֶענֶען דָאס נִישְׁט זֶען, אָבֶער וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִיר הֵיילִיגְקֵייט קֶען זֶען אַ שְׁטִיקְל חִילּוּק צְווִישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יד עַיֵּין שָׁם).

מִיר הָאבְן גֶעהַאט בְּדֵעָה צוּ גֵיין צוּם תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, מִיר הָאבְן

גֶעטְרַאכְט עֶס אִיז גוּט צוּ גֵיין פֶּסַח שֵׁנִי, אִינֶעם טָאג פוּנֶעם יָארְצַייט. לְמַעֲשֶׂה אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע טְרֶעפִּיק, מִיר זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין דִי קַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז מִיר הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת אַזוֹיפִיל צַייט, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין צְפַת.

**צְפַת**

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט צְוֵויי קַארְס. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט חַיִּים מֵאִיר, אוּן מַיין שְׁוֶוער מִיט מַיינֶע זִין - מִיט אַ צְוֵוייטֶע קַאר, מִיט הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן שְׁמוּאֵל זַאנְוִויל. מִיר זֶענֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה אֲרִיזַ"ל, אוּן נָאכְדֶעם גֶעגַאנְגֶען מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; בַּיים אֲרִיזַ"ל אוּן בַּיים בֵּית יוֹסֵף. וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת בַּיי דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע מְקוֹמוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט. יֶעדֶע מָאל אִיךְ גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים הוֹיבְּט מִיר אָן דִי הַארְץ אַזוֹי צוּ בֶּענְקֶען, אִיךְ הוֹיבּ אָן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד".

מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִינֶעם הֵייל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיךְ אִינֶעם הֵייל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּת עַיִן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט נָאךְ הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים. הִינְטְן פוּנֶעם בַּארְג לִיגְט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר, דָארְט אִיז דָא אַ מִנְהָג אַז מֶען גֵייט אַרוּם דֶעם צִיּוּן.

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִירוֹן**

מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אוּן צוּ קַבָּלַת שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעטַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי", "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא" - צְווִישְׁן קַדִּישׁ אוּן כְּגַוְנָא.

נָאכְן דַאוֶוענֶען גֵייט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א בַּיים מַרְפֶּסֶת כֹּהֲנִים בִּיזְן סוֹף, פוּן דָארְט קֶען מֶען זֶען מַיין זֵיידֶע'ס צִיּוּן אוּן עֶר זָאגְט דָארְט: "גוּט שַׁבָּת!" מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַן אוֹיסְנַאם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין אַזוֹי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַזוֹי ווִי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע.

אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ פוּן דַאוֶוענֶען, אִין דִי מַעֲרָה, אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א מִיט אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א. מֶען הָאט גֶערֶעדְט פַּארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת, אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר, הֱיוֹת עֶר הָאט שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", וִויל עֶר וִויסְן אוֹיב עֶר דַארְף אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל דִי פַּרְשָׁה יֶעצְט פְרַייטָאג וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גָּדוֹל; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז נֵיין, עֶר דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל דִי פַּרְשָׁה.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיים לֵיינֶען, וֶוען דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט עוֹלֶה גֶעוֶוען - הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי". מַיין זֵיידֶע פַּסְקְ'נְט מֶען זָאל זָאגְן דִי בְּרָכָה אוֹיף דֶעם נוּסָח: "בָּרוּךְ אַתָּה מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁפְּטָרַנִי מֵעוֹנְשׁוֹ שֶׁלָּזֶה", נִישְׁט בְּלוֹיז: "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי".

עֶס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעגֶעסְן מִיט אוּנְז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט עֶסְן פַאר וֶוער עֶס וִויל, דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז עֶפֶּעס אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיךְ, וֶוער עֶס וִויל קוּמְט דָארְט עֶסְן.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט בַּיי דִי צוּפְרִי סְעוּדָה, עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן דִי עֶרֶב רַב.

מֶענְטְשׁ זָאגְן מִיר, זֵיי בַּאוואוּנְדֶערְן וִוי אִיךְ זִיץ לַאנְגֶע שָׁעוֹת בַּיי דִי סְעוּדוֹת אָן גָארְנִישְׁט טוּן; וָואס וֵוייסְן זֵיי וָואס אִיךְ טוּ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִי מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן קֶענֶען זִיצְן צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן מִיט דִי לִיפְּן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אֲפִילוּ זֶען. מִיט דִי מַתָּנָה קֶען מֶען זַיין וואוּ מֶען זָאל נָאר זַיין, מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ', מֶען זִיצְט אִין גַּן עֵדֶן, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### מוֹצָאֵי שַׁבָּת

מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ הַבְדָּלָה בִּין אִיךְ אַרַיין אִין קָאךְ בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין חָצֵר מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אַפָּאר שָׁעָה אוּן אַלֶעס אָנְגֶעגְרֵייט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט צוּ קֶענֶען שֵׁיילְן גְרִינְצֵייג פַאר

דִי זוּפּ, אוּן אָנְגְרֵייטְן אַלֶע עֶסְן וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס בַּיי מַיין טַאטֶע אִין חָצֵר, פַּאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן; אֱמֶת, מֶען קֶען לַ״ג בָּעֹמֶר פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת, אָבֶער דֶער עִיקָר פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז דִי שִׂמְחָה, דִי הִלּוּלָא; דָאס עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן טַאנְצְן.

**זוּנְטָאג בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי**

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּלַאן צוּ גֵיין גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אִין יַבְנְאֵל, צְפַת, בֵּית שֶׁמֶשׁ, בְּרַאכְפֶעלְד אוּן אֶלְעַד, אִין דִי שְׁטֶעט וואוּ אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען. לְמַעֲשֶׂה בֶּעט אִיךְ אַלֶע אִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין פוּן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א, מַיין שְׁוֶוער אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי מִיר; מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבְ׳עֶר ווִי זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן זוּנְטָאג, עֶר הָאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין טַאטֶע דֶער וֵוייצֶענֶער רָב הָרַב יוֹסֵף מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב דוּשִׁינְסְקִיא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין לַ״ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן. מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אִים מְשַׁכְנֵעַ זַיין אַז הַיינְט אִיז אַנְדֶערְשׁ, אָבֶער מַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִין דִי מַעֲרָה, בַּיי דִי צְוֵוייטֶע זַייט, בַּיי רֶבִּי אֶלְעָזָר. נָאךְ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן ע׳ מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף תִּיקוּנִים. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייטְן מַיין שְׁוֶוער אַהֵיים.

**לַ״ג בָּעֹמֶר**

מָאנְטָאג נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א. נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מֶען אָנְגֶעצִינְדְן דִי הַדְלָקָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ. אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיים טַאנְצְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר – וֶועט נִישְׁט

פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְט, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר לִיכְטִיג אִין הָאֶרֶץ אוּן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַבִּיסְל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי פָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי שְׁטֵייעֶן אַרוּם מִיר אוּן שְׁטוּפְּן זִיךְ אַרוּם מִיר בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; מֵילָא בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, בַּיי אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אַז אִיךְ גֵיי בַּיי מַיין טַאטֶע - שְׁטֶערְט מִיר אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי יֶענֶעם.

נָאכְדֶעם הָאט מֶען זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ אַרוֹיף מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א צוּ דִי מַעֲרָה. דִי יָאר הָאבְּן דִי סַדְרָנִים מְסַדֵּר גֶעוֶועזְן מֶען זָאל קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אִין אַ שׁוּרָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער בַּיי דִי שׁוּרָה. אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעדַאנְקֶט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, מִיר קֶענֶען הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטַאנְצְן אִין דִי חָצֵר. דִי הַרְגָּשָׁה וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְט - קֶען מֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, דָאס אִיז כָּל אֶחָד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִיבֵּיהּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע שִׂיחָה אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן. דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי, וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי', אִיךְ וֵוייס? זָאג, כִּי גָדוֹל ה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, וָואס דְרוּקְט עֶר 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי'? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה'", אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, 'אֲנִי יָדַעְתִּי דַיְקָא', אִיךְ פַאר מִיר וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר הֶערְט מִיךְ אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים', דֶער רֶבִּי

בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "'נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ' - כָּל חַד, לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

בַּיי מִיר לַ"ג בָּעֹמֶר וַוארְט אִיךְ אוֹיף טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען; אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַּארְלוֹירְן גֵיין, מִיר זָאלְן אַלֶעס קֶענֶען פַּארְרֶעכְטְן. אַז מִיר הָאבְּן צַדִיקִים וָואס זָאגְן אוּנְז וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, וָואס אִיז חָשׁוּב אִין הִימְל, וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן, וִוי עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע וֶועלְטְן וֶוען מִיר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַבִּיסְל הַכְנָסַת אוֹרְחִים בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶענוּמֶען אַפָּאר גֶעסְט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואו צוּ שְׁלָאפְן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע בֶּעטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן אוֹיף אַ שְׁטִיקְל מַאטְרַאץ אוֹיף דֶער עֶרְד פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ אַזוֹי מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען יֶעדֶע שַׁבָּת גֶעסְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק גֶעבְּן מַיין בֶּעט; אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן אוֹיפְן קָאוּטְשׁ. מִיר זֶענֶען אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, מִיט הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

לַ"ג בָּעֹמֶר אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִין דִי חָצֵר פוּן מַיין אַכְסַנְיָא - תִּיקוּנִים, אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בֶּערְל פוּן בְּלוּמִינְגְרָאוו, יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף דֶער מְלַמֵד אִין שְׁטֶעטְל אוּן מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג, אוֹיךְ אַפָּאר חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי צְוֵויטֶע הַקְדָמָה, בִּיז תִּיקוּן טו. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן יד, דָארְט זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בְּפֵירוּשׁ אַז תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶעס, אֲפִילוּ אוֹיף דִי חֲטָאִים וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר נֹחַ אוּן וַיְחִי אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה - שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ אַז (יְשַׁעְיָה ו, י): "וָשָׁב וְרָפָא לוֹ".

## אָפְּשֶׁערְן

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער צוּ מַיין טַאטֶע אִין דִי דִירָה מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן אָפְּשֶׁערְן, מַיין טַאטֶע הָאט אָפְּגֶעשוֹירְן אוּן גֶעזָאגְט דִי א' ב' אוּן גֶעלֵייגְט דִי הָאנִיג וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן ר' גַּמְלִיאֵל רַאבִּינָאוויטְשׁ שְׁלִיטָ"א, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער כַאפְּט אַ בִּילְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבְּן אִין הִימְל כַאפְּט מֶען אוֹיךְ בִּילְדֶער, אָבֶּער דָארְט כַאפְּט מֶען בִּילְדֶער פוּן זַאכְן וָואס מֶען ווִיל נִישְׁט דָא כַאפְּן בִּילְדֶער".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין נָאכְמָאל לַ"ג בָּעֹמֶר צוּ דִי מַעֲרָה, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין חָצֵר.

## יַבְנְאֵל

מִיטְוָואךְ פַארְטָאגְס הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, זִיךְ צַאמְגֶעפַּאקְט אוּן אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל. מֶען הָאט זֵייעֶר שֵׁיין גֶעמַאכְט דֶעם אַריינְגַאנְג צוּם צִיוּן, מֶען קֶען שׁוֹין צוּפָארְן מִיטְן קַאר בִּיזְן צִיוּן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶער וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ מִיטְן שֵׁיין מַאכְן דֶעם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דָארְט. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, טֶעכְטֶער אוּן זִין.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּלַאן צוּ זַיין מִיט מַיין וַוייבּ אַ טָאג צְוֵויי אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן דָארְט, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין חֵדֶר, זֵיי הָאבְּן דָארְט אַז עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן דִי מֵייק אוּן עֶס זִינְגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "גַּם אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת צַדִּיק", אוֹיף דִי נִיגוּן וָואס דִי וֶועלְט זִינְגְט אוֹיף "אַדִּיר אָיוֹם וְנוֹרָא", דִי בָּאבּוּבּ'עֶר נִיגוּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעמַאכְט וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם נִיגוּן, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רוּפְן דֶעם נִיגוּן: "נִיגוּן יוֹם הַמִּיתָה". דִי הוֹיכֶע פַאל גֵייט: "גַּם אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת צַדִּיק, גַּם אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת צַדִּיק"; אוֹי, עֶס רַייסְט דִי הַארְץ וֶוען מֶען זִינְגְט דָאס, וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאר דִי קוֹל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ הֶערְן אִינְדֶערְפְרִי ווִי דִי קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן דֶעם טָאג מִיט דִי נִיגוּן: "אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק". אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן

אַ צַדִיק וָואס וֶועקְט אוּנְז אוֹיף אוּן וַוייזְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ בֶּעֶנְקֶען צוּ דֶעם.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט פָארְן מִיטְן וֶועג בִּקְעָה. אִיךְ גְלַייךְ צוּ פָארְן אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען זֶעט דָארְט דִי בֶּערְג פוּן מִדְבַּר יְהוּדָה, עֶס אִיז אַ רוּאִיגֶע וֶועג. אָבֶּער מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן נִישְׁט צוּ פָארְן דֶעם וֶועג, הֱיוֹת עֶס אִיז נִישְׁט רוּאִיג צְוִוישְׁן דִי אַרַאבֶּער. אִיךְ הָאבּ אַוַדַאי גֶעטוּן אִיר ווִילְן אוּן גֶעפָארְן מִיטְן אַנְדֶערְן וֶועג, דִי שֵׁשׁ. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טְרֶעפִּיק, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם הַאלְבּ צְוֶועלְף.

**בֵּית פֵּיגָא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער מֵיידְל שׁוּלֶע. דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, זֵיי וֵוייסְן נִיטְאמָאל וָואס זֵיי הָאבְּן, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶעבְּט אוּן מֶען לֶערְנְט נַאטִירְלִיךְ, אָן וֶוערְן צֶעדְרִיקְט פוּן דַארְפְן זַיין אַזוֹי וִוי דִי אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ, אוּן דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי דִי אוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַלֶע קִינְדֶער לֶעבְן אוּן לֶערְנֶען אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גוּט, לוֹיט זֵייעֶר וֶועג.

בִּיז דֶערְוַוייל אִיז אוּנְזֶער שׁוּלֶע אִין שְׁטוּבּ בַּיי מִשְׁפַּחַת פֶּערְל שֶׁיִּחְיוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל יִצְחָק נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ פַאר דִי שׁוּלֶע, אִיךְ ווִיל שׁוֹין הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע פְּלַאץ. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט מִיטְן מְנַהֵל נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ ווִיל מַאכְן חֵדֶר אוּן אוֹיךְ שׁוּלֶע אַלֶע טֶעג, נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער הֶפְקֵר. אִיךְ הָאבּ אִים דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע אִיז, מִיר הָאבְּן חֵדֶר יֶעדְן טָאג אִין יָאר, אוֹיסֶער עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶרֶב יוֹם כִּפּוּרִים, עֶרֶב סוּכּוֹת, פּוּרִים אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים, עֶרֶב פֶּסַח, בְּדִיקַת חָמֵץ אוּן ט׳ בְּאָב; אֲפִילוּ עֶרֶב ט׳ בְּאָב אִיז דָא חֵדֶר בִּיז חֲצוֹת, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ ווִיל אִיךְ מַאכְן פְרַייטָאג שׁוּלֶע פַאר דִי יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן פְרֵיי אַזוֹיפִיל טֶעג אִין יָאר.

**תַּלְמוּד תּוֹרָה יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֵדֶר, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען נָאכְן עֶסְן מִיטָאג. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן אוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן דִי הֶענְט

בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה, פוּן הַזָּן, בַּיי דִי וֶוערְטֶער "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹי גֶעמַאכְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם מִנְהָג פוּן דִי סְפָרַדִּי'שֶׁע אִידְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְגֶען מִיט זֵיי דִי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוּן נָאכְן עֶסְן הָאבְּן מִיר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי בְּרוֹיט אוּן פַאר דִי חוּמוּס. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אוֹיךְ גֶעבְּן טְרִינְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן נָאר עֶסְן, מֶען דַארְף טְרִינְקֶען וֶוען מֶען עֶסְט.

אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה. דִי מַעֲשֶׂה פוּן דָּוִד מִיט גָּלְיַת, וִוי דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דֶעם קְלִיפָּה גָּלְיַת וָואס הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ד) אַז גָּלְיַת הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה.

## דַּף גְּמָרָא יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען מִנְחָה מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אוּנְזֶער שׁוּל. אִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט אִין אוּנְזֶער שׁוּל, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ רֵיינֶער פְּלַאץ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶער פְּלַאץ. אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּנְזֶער פְּלַאץ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין לֵיידִיגֶע פְּלַאץ. לֵיידֶער אִיז דָא פְּלֶעצֶער וָואס רוּפְן זִיךְ מִיט דִי נָאמֶען 'בְּרֶסְלֶב', מֶען גֶעבְּט כְּלוֹמְרִ'ישׁ חִיזּוּק, אָבֶער אוֹיבּ אִיז דָאס אָן תּוֹרָה אוּן אָן תְּפִלָּה - אִיז דָאס אַ בַּאלוֹן פוּן לוּפְט וָואס פְּלַאצְט אוּן גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּט, דֶערִיבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּרוּבִּיר אִיךְ פָארְצוּלֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא, זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן אַ גֶעשְׁמַאק וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא, אוּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ.

נָאכְן פָארְלֶערְנֶען הָאבּ אִיךְ גֶעטֵיילְט פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אוֹיךְ פַאר אִינְגֶעלַייט 'סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר' פַאר אַלֶע וָואס לֶערְנֶען סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. אִיצְטִיק אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין מִירוֹן, עֶר הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טֵיילְט נָאר אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר דִי בָּחוּרִים תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, מִיר אַנְשֵׁי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְפְן אוֹיךְ אַ שְׁטוּפּ אוּן חִיזּוּק צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעגֶעבְן אַ מַתָּנָה אוּן אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַלֶע אַפָּאר וֶוערְטֶער, דִי נָאמֶען וְעוֹד.

### יְשִׁיבָה קְטַנָּה יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה קְטַנָּה. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אָפָּאר וֶוערְטֶער פַאר דִי בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן אַ גוּטֶער מַגִּיד שִׁיעוּר, מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִים וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין אִינְגֶעלַייט צוּ קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ אַן אַכְסַנְיָא. אַבְרָהָם הָאט מִיר צוּגֶעגְרֵייט אַ דִירָה פַאר דִי פָּאר שָׁעָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶס אִיז שׁוֹין פִינְף נָאכְמִיטָאג, עֶס אִיז שׁוֹין צְוֶועלְף שָׁעָה פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פִינְף אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן אַ קִיכְל אוּן אוֹיפְגֶענוּמֶען אִינְגֶעלַייט מִיט זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, בִּיז מַעֲרִיב.

### מַעֲרִיב

עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, אִיךְ בִּין צוּרִיק אִין שׁוּל דַאוֶנֶען מַעֲרִיב. נָאךְ מַעֲרִיב הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַבִּיסְל חִיזוּק, דִי שִׁיעוּרִים אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט דָאס אוֹיסְהֶערְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט, דִי דִיבּוּרִים וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי צוּהֶערֶער, אוּן אַז עֶס קוּמֶען אַסַאךְ דוּרְשְׁטִיגֶע מֶענְטְשְׁן אִיז דָא בֶּעסֶערֶע דִיבּוּרִים.

אוֹיךְ הָאבְּן קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעמַאכְט סִיוּמִים. הַיֶּלֶד הַיָּקָר מֹשֶׁה בְּרִילְל הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען הַאלְבּ שַׁ״ס, 'מַסֶכֶת קִידוּשִׁין'. הַיֶּלֶד הַיָּקָר מֹשֶׁה רוֹטְמַאן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען 'מַסֶכֶת יְבָמוֹת'. הַיֶּלֶד הַיָּקָר מָרְדְכַי יִצְחָק פֶּערְל הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען 'מַסֶכֶת יוֹמָא'. הַיֶּלֶד הַיָּקָר שְׁלֹמֹה לֶעווִינְזוֹן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען 'מַסֶכֶת עֵירוּבִין'. נָאךְ קִינְדֶער הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט סִיוּמִים, הַיֶּלֶד הַיָּקָר שִׁמְעוֹן יַאקָאבָּאוִויטְשׁ הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען 'מַסֶכֶת פְּסָחִים', אוֹיךְ מַיין זוּן הַבָּחוּר שִׁמְעוֹן הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ״ס.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, פַארְוָואס זָאל זַיין אַזוֹי אַז וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט "נֶעם מִיךְ מִיט דִי קַאר", "טְרָאג מִיךְ דָא", "טְרָאג מִיךְ דָארְט" - וֶוערְט מֶען אַזוֹי בְּרוֹגֶז, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען טְרַאכְט, אָדֶער גָאר מֶען זָאגְט: "אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַ קַאר סֶערְוִויס דְרַייוֶוער?" "אִיךְ בִּין

דַיין שְׁלַאק?" און וֶוען אַ חַבֵר בֶּעט אַ טוֹבָה, טְרָאגְט מֶען און מֶען בְּרֶענְגְט, מֶען מַאכְט און מֶען טוּט; בִּיסְט דָאךְ אַן אַכְזָר, אָדֶער גָאר אַ שׁוֹטֶה, דָאס אִיז דָאךְ דַיין וַוייבּ!!!

פַארְוָואס וֶוען מֶען זֶעט דִי שְׁכֵנָה שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַרָאפּ דִי טְרֶעפּ מִיט אַ וֶועגֶעלֶע, לוֹיפְט מֶען הֶעלְפְן, מֶען טְרַאכְט גְלַייךְ פוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כא:) וֶוער אִיז אַ חָסִיד שׁוֹטֶה? דֶער וָואס זֶעט אַ פְּרוֹי דֶערְטְרֶענְקְט זִיךְ און גֵייט נִישְׁט הֶעלְפְן, און וֶוען דִי וַוייבּ בֶּעט: "טְרָאג מִיר אַרוֹיף דִי וֶועגֶעלֶע מִיט דִי קִינְדֶער", אָדֶער "הֶעלְף מִיר אַרָאפְּגֵיין דִי טְרֶעפּ", וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט, מֶען לוֹיפְט אַוֶועק; וָואס אִיז מִיט דִיר, בִּיסְט דָאךְ אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דָאךְ דַיין וַוייבּ!

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין סַאךְ צַייט. יֶעצְט קוּמְט פָאר אַ בְּרִית אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ דַארְף שׁוֹין מְקַצֵר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...